**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פערי אלץ 10 מיליאן דאלארדיגע פינגער לעיקס ראיאן געוואונער אין די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

***דאונטאון אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון דער סטעיטס פולשטענדיגע; עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואקסונג סטראטעגיע***

***סטעיט צו ארבעטן מיט איינוואוינער, קאמיוניטי פירער און פובליק בעאמטע צו אויפלעבן פערי'ס שטאט צענטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ווילעדזש אָוו פערי וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלץ די פינגער לעיקס ראיאן געוואונער אין די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער (דאונטאון) אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI). פאר די 6'טע רונדע פון DRI, וועט יעדע פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צוגעטיילט ווערן 10 מיליאן דאלאר, זייענדיג א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין פארשפראכענע געלטער פון די סטעיט צו העלפן קאמיוניטיס פארשטערקערן זייערע עקאנאמיעס דורכן אויפפרישן זייערע שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטיגע געגנטער.

"אונזערע שטאטישע צענטערן זענען די בלוט אין די אדערן פון אונזער סטעיט, און מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו אהערשטעלן די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען בליהען און ערפילן זייער מעגליכקייטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פון אונזער שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו העלפן מיר פערי צו טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין איר שטאט-צענטער און צו באַרייכערן די רייכע היסטאריע פון די ווילעדזש בשעת'ן פארשטערקערן די קאמיוניטי."

די DRI דינט אלץ א באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי דורכן איבערמאכן שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטיגע צענטערן פון אקטיוויטעט וועלכע ברענגען א הויכע קוואליטעט פון לעבן און ציהען צו ביזנעסער, דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. אזוי ווי די פארגאנגענע DRI רונדן, יעדע אויסגעקליבענע קאמיוניטי וועט אנטוויקלען א סטרעטעגישן פלאן, פון אונטן-ארויף, קאמיוניטי-באזירטע פלאנירונג פראצעס וואס זאגט ארויס קלאר א וויזיע פארן אויפפרישן פון דער דאונטאון און אידענטיפיצירן א ליסטע פון כאראקטעריסטישע פראיעקטן וואס האבן טראנספארמיטיווע פאטענציאל און אויסנוצן ווייטערדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. די דעפארטמענט אוו סטעיט וועט דעמאלט צוטיילן פאר DRI פינאנצירונג צו אויסגעקליבענע פראיעקטן וואס האבן די גרעסטע פאטענציאל אויפצולעבן די אויפפרישונג און צו שטאנד ברענגען די קאמיוניטיס וויזיע.

__**ווילעדזש אָוו פערי**__

די ווילעדזש אָוו פּערי איז באַקאַנט פאַר איר היסטאָרישע כאַראַקטער און רייע פון קונסטווערק פעסטיוואַלן און פאַרווײַלונג געלעגנהייטן פאַר אײַנוואוינער און טוריסטן פון אַרום די סטעיט. די שטאָטישע היסטאָרישע דיסטריקט און עטליכע אַנדערע היסטאָרישע פלעצער אין די קאַמיוניטי זענען אויסגערעכנט אויף די ליסטעס פון די נאַציאָנאַלע רעגיסטראַר פון היסטאָרישע פלעצער, ביישטייערנדיג צו די אייגנאַרטיגע כאַראַקטער פון די ווילעדזש. אַנגעהויבן פון די פּערי פאַרמערס מאַרקעט ביז די אַרטס ענד קרעפטס פאַרשטעלונג וואָס הייסט צו זיין צווישן די 30 בעסטע אינעם לאַנד און Letchworth די Tour de Perry — זעצט די קאַמיוניטי'ס בליהענדע סצענע פון קונסטווערק און פאַרווײַלונג פלעצער פאַר צו צוציהען טוריזנטע באַזיכער צו פּערי און שטיצן די לאָקאַלע עקאָנאָמיע. אין לויף פון די פאַרגאַנגענע עטליכע יאָר האָט פּערי געזעהן אַ באַנייטע אויפשטייג אין ביזנעסער אין איר שטאָט-צענטער און זיי האָבן פאַרענדיגט עטליכע פּראָיעקטן צו אויפלעבן די קאַמיוניטי, אַרייַנרעכענענדיג דאָס רענאָווירן איר פּובליק וואַסער ברעגע, מאָדערניזירן איר ווילעדזש פּאַרק מיט אַ וואַסער פּאַרק און פאַרענדיגן אַ פּראָיעקט צו פאַרשנערן Main Street. דורכאויס די צייט האָט פּערי'ס שטאָט-צענטער אויך געזעהן 36 צוגעקומענע זעלבסטשטענדיגע ביזנעסער, זי האָט אָנגעהויבן אָפּהאַלטן 11 פּראָמינענטע געשעענישן און געשאַפן הונדערטע נייע דזשאָבס איבער די ווילעדזש.

פּערי האָט אין פּלאַן צו אויסנוצן איר שטעטלישע כאַראַקטער און אירע פאַרווײַלונג באַזיכער צו פאַרזעצן צו מאַכן פאַרבעסערונגען צו פאַרשטערקערן די ווילעדזש'ס סטאַטוס אַלץ אַ גלוסטיגע גאַסטגעבונג צענטער אין די דזשענעסי וואַלי ראַיאָן. פּערי זוכט צו פאַרווירקליכן איר חזון דורכן צוריק אַרייַנברענגען אירע עקזיסטירנדע היסטאָרישע געביידעס פאַר צוגעפּאַסטע באַנוצן, שאַפן פאַרשידנאַרטיגע האַוזינג אָפּציעס, פאַרברייטערן קאַמיוניטי סערוויס געלעגנהייטן, שטיצן שטאָט-צענטער ביזנעס אייגנטימער און פאַרבעסערנדיג צוגענגליכע פיסגייער און ביציקל רוטס דורכאויס איר שטאָט-צענטער.

די פינגער לעיקס ראַיאָנישע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג קאָונסיל ( Regional Economic Development Council, REDC) האָט דורכגעפירט אַ גרונטליכע און פאַרמעסטנדע פּראָצעדור פון פאַרשלאָגן אַריינגעגעבן פון קאַמיוניטיס איבער די גאַנצע ראַיאָן, און זיי האָבן אין באַטראַכט גענומען אַלע קריטעריאַנען בעפאָרן רעקאָמענדירן פּערי אַלץ איינע פון די נאָמינירטע:

- דאַונטאַון איז קאָמפּאַקט, מיט גוט אָפּגעצייכנטע גרעניצן;
- דאַונטאַון קען אויסניצן אויף פריערדיגע, אָדער גורם זיין צוקונפטיגע פּריוואַטע און פּובליק אינוועסטירונגען;
- לעצטע אָדער קומענדיגע פאַסטן געוואוקס פון אינעווייניג, אָדער לעבן אַזאַ דאַונטאַון וואָס קען צו ציען אַרבעטער, שטיצן איבער-אַנטוויקלען און מאַכן געוואוקס אויסהאַלטעוודיג;
- דאַונטאַון איז אַן אַטראַקטיווע און אַ וואוינאַרט קאַמיוניטי פאַר פילמיניגע באַפעלקערונג;
- די מוניציפּאַליטעטן כאַפּט זיך שוין אַרום, אָדער האָט די מעגליכקייט צו באַשאַפן און איינפירן פּאַליסעס וואָס פאַרמערט וואוינעוודיגקייט און קוואַליטעט פון לעבן;
- די מוניציפּאַליטעט האָט אָנגעפירט אַן אָפענע און קרעפטיגע קאַמיוניטי אַרויסקומענדיג מיט אַ וויזיע פאַר אַ דאַונטאַון אויפלעבונג מיט אַ פּאַראויסדיגע ליסטע פון פּראָיעקטן און איניציאַטיוון;
- די מוניציפּאַליטעט האָט דעם לאָקאַלע מעגליכקייט צו פירן דעם DRI פּראָצעס; און
- די מוניציפּאַליטעט האָט אידענטיפיצירט טראַנספאָרמאַטיווע פּראָיעקטן וואָס וועלן זיין גרייט פאַר קורץ-טערמיניקע דורכפיר מיט אַן אינפוזיע פון DRI פינאַנצירונג.

פּערי איז צוגעטיילט געוואָרן 10 מיליאָן דאָלאַר אין סטעיט פינאַנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן איר שטאָטישע געגנט און שאַפן נייע געלעגנהייטן פאַר לאַנג-טערמיניגע וואוקס נאָכפאָלגנדיג די לאָקאַלע פּלאַנירונג פּראָצעדור. פּערי שליסט זיך יעצט אָן מיט די שטעט דזשעניווע, באַטאַוויע, פען יאַן, סענעקע פאָלס, נוארק און ראָטשעסטער וועלכע זענען געווען די פינגער לעיקס ראַיאָן'ס געווינער אין די ערשטע פינף DRI רונדעס.

פערי וועט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאטישע צענטער מיט ביז אזויפיל ווי 300,000 דאלאר אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט פירן די אינוועסטירונג פון DRI גרענט געלטער אין ווידער-אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-פירן דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון געגנט און קענען אויסניצן און פארברייטערן אויף דער סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר דער DRI's זעקסטע רונדע וועט פארטיג זיין אין 2023.

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "אונזער שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז א באווייז אז אינוועסטירן אין קאמיוניטיס אין שטאטישע צענטערן פירט צו לאקאלע און ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס. מיט די געלטער וועט פערי זיך קאנצענטרירן אויף פראיעקטן וועלכע שאפן מער פארשידנארטיגע האוזינג און ביזנעס געלעגנהייטן און היטן אויף די חן פון די היסטארישע ווילעדזש, און דערמיט באפעסטיגנדיג איר פלאץ אלץ הויפט גאסטגעבונג און טוריזם דעסטינאציע פאר די גאנצע פינגער לעיקס ראיאן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "פערי'ס געציהלטע, פאראויס-טראכטנדע פלאן איז ווייט-גרייכנד און נוצט פולשטענדיג אויס די באחנ'טע ווילעדזש'ס היסטארישע פארגאנגענהייט און איר פארשפרעכנדע צוקונפט. די DRI געלטער וועלן דינען צו באַרייכערן די חזון, נאך מער שטופנדיג עקאנאמישע אנטוויקלונג וואס וועט פארברייטערן געלעגנהייטן און צוציהען באזיכער צו די הערליכע קאמיוניטי פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**היימער און קאמיוניטי רינועל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די 10 מיליאן דאלארדיגע צוזאג וואס ניו יארק מאכט היינט וועט ברענגען פארבעסערונגען פאר פערי'ס היסטארישע שטאט-צענטער פון וועלכע איינוואוינער און באזיכער צו די פינגער לעיקס וועלן געניסן פאר צענדליגע יארן. די באדייטנדע אינוועסטירונג דורך די סטעיט'ס שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו וועט העלפן פערי'ס קאמיוניטי פירער צו רענאווירן עקזיסטירנדע היסטארישע געביידעס און בויען נייע פארשידנארטיגע האוזינג אפציעס. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו אויפלעבן קאמיוניטיס אריבער אונזער סטעיט."

**פינגער לעיקס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאָו-טשעירס באַב דאָפי, פרעזידענט און CEO פון גרעיטער ראטשעסטער טשעימבער אָוו קאַמערס און דר. דעניס בעטלס, פרעזידענט פון SUNY Geneseo, האבן געזאגט,** "עס איז אונז א געוואלדיגע הנאה צו זעהן די ווילעדזש אָוו פערי ווערנדיג אנאנסירט אלץ די לעצטע DRI געוואונער פון די פינגער לעיקס ראיאן. די הערליכע קאמיוניטי שטייט גרייט זיך צו נעמען צום ארבעט אויף איר סטראטעגישע פלאן וואס ציהלט צו צוציהען אינוועסטירונג און אריינבלאזן א פרישע ענערגיע און פונדאסניי אנטוויקלען די הארץ און זעלע פון די ווילעדזש'ס היסטארישע ביזנעס דיסטריקט."

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש בארעלאָו האט געזאגט,** "דאס איז גוטע נייעס פאר די ווילעדזש אָוו פערי און פאר די גאנצע דזשענעסי וואלי ראיאן. די 10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גרענט וועט ערמעגליכן פערי צו פארזעצן איר מהפכה צו ווערן א דעסטינאציע פאר ביזנעס

און טוריזם און א טויער צו די הערליכע לעטשווארט סטעיט פארק. די גרענט קומט אלץ רעזולטאט פון די שווערע ארבעט פון די לאקאלע פירער וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען צו אויספלאנירן א וועג פאראויס פאר די הצלחה פון זייער קאמיוניטי און פון די ראיאן. עס וועט אויסנוצן פריוואטע אינוועסטירונגען צו אויפלעבן פערי'ס היסטארישע שטאט-צענטער דיסטריקט. פערי איז איינס פון בלויז 10 קאמיוניטיס אריבער גאנץ ניו יארק צו באקומען א 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. דאס זאגט עדות איבער די שטארקייט פון זייער חזון און איבערגעגעבנקייט. א דאנק אייך גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון אינוועסטירן אין אונזערע שטעטלישע קאמיוניטיס אזוי ווי זיי בויען זיך אויף פונדאסניי און בויען א לעכטיגערע צוקונפט פאר אונזער ראיאן."

**אסעמבלי מיטגלידערין מארדזשארי בירנס האט געזאגט,** "איך בין גאר באגייסטערט אז די ווילעדזש אָוו פערי איז געשאנקען געווארן פינאנצירונג פאר אנגייענדע אויפלעבונג פון איר שטאט-צענטער. ווען איך האב זיך צום ערשט געטראפן מיט דעם מעיאר האב איך געהערט פון אים איבער די פילע פראיעקטן און געשעענישן וואס די ווילעדזש האט פלאנירט. איך בין זיכער אז די געלטער וועלן גענוצט ווערן אויסגעצייכנטערהייט צו אויסברייטן פערי'ס בליהענדע שטאטישע געגנט."

**ווייאומינג קאונטי באורד אָוו סופערוויזארס טשעיר, רעבעקא רייען, האט געזאגט,** "ווייאומינג קאונטי באשטייט פון פילע קליינע קאמיוניטיס און ווילעדזשעס וועלכע זענען רייך אין היסטאריע, אין הערליכע ארכיטעקטור און חן. פובליק-פריוואטע שותפות'ן זענען קריטיש צו קענען אויסנוצן אונזער פולע מעגליכקייט און ארייננבלאזן א פרישע חיות אין אונזערע שטאטישע צענטערן. די אינוועסטירונג און די פראיעקטן וועלכע זענען פלאנירט צו דורכגעפירט ווערן דערמיט פארשפרעכן נייע אנטוויקלונגען פאר די ווילעדזש אָוו פערי, באררייכערנדיג דערביי די לעבנס פון יעצטיגע און צוקונפטיגע איינוואוינער, ביזנעסער און באזיכער צו פערי און ווייאָמינג קאונטי. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט און פארן זיכער מאכן אז קיין איין קאמיוניטי אין אפסטעיט ווערט נישט איבערגעלאזט פון הינטן."

**פערי מעיאר ריק האוזער האט געזאגט,** "דורכאויס אונזער אויפלעבונג רייזע, האט די פארלאטעטע קליינע ווילעדזש אָוו פערי קיינמאל נישט געהאט א מאנגל אין קלוגע און שעפערישע מענטשן, א חזון, אנטשלאסנקייט אדער שריט. אבער די גרענט ערלויבט אונז זאגאר נאך מער צו פארגרעסערן אונזערע שריט! אין זאכן ווי האוזינג, רעסטוראנטן, דרויסנדיגע פארווייילונג, די קונסטווערק און גאסט אקאמאדאציע וועט אזא סארט געלעגנהייט האבן א געוואלדיג גרויסע השפעה, אויפטרייבנדיג די סארט געציהלטע פריוואטע אינוועסטירונג און שטאטישע פארבעסערנדיג צו קענען גאלאפירן אין די ריכטונג פון א חזון צו שטיצן א לעבהאפטיגע, שטאנדהאפטיגע שטאט-צענטער. א דאנק אייך גאווערנער האקול, די ESD, די REDC און ניו יארק סטעיט פאר אייער שותפות, פאר די פאראויס-קוקנדע פראגראמען און פארן גלויבן אין דעם פערי פראיעקט."

<u>**וועגן דעם דאונטאון ווידער־אויפלעבונגס איניציאטיוו**</u>

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינױעל און ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority) — איז די DRI א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו עררייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע פינף יאר פון דער פראגראם האט דער סטעיט פארשפראכן 600$ מיליאן צו אינוועסטירן אין 59 דאונטאונס וואס זענען מוכשר אויף ווידער־אויפבליאונג, און פארמאגן די פאטענציאל צו ווערן מאגנעטן צוציען ווידער־אנטוויקלונג, ביזנעס, דזשאבס, עקאנאמישע און וואוינונגס פארשידן־מיניגקייט, און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען 10$ מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסירט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען.

מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפנטליכט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418